דער אידישער פראפעסאר

א היסטארישער ראמאן.
פריי בעארבייט ספעציעל
פאר'ן „אידישען זשורנאל״.

פון מ. ר.

היינטיגע פארזעצונג

— דאס וועסטו ניט טאן, האט אפיאן ציטערענד געזאגט. א מענש ווי ענגי, וועלכער האט זיך אין זיין לעבען צום ציעל געשטעלט צו העלפען אומגליקליכע און צו רעטען פון, און זינד זיך טרונקענדע, און צום גייסטיגען לעבען זיי ברענגען, אזא מענש וועט ניט שטירצען אין אומגליק זיין יונגען פריינד...

— דו וועסט מיך מיט דיין גלאטער צונג, וועלכע איז פיל מיט גיפט, ניט איינרעדען, ניט פארדרעהען, און אויך ניט פארנארען... דער ציעל מיינער, ווי דער ציעל פון אלע מיינע חברים די איסיים איז, ניט נאר גוטעס צו טאן צו גוטע, נאר אויך אויסראטען, און ביז גאר פארניכטען די שלעכטע, די פארדארבענע, און אויסוואורפען. און דו ביזט א שד, א שעדליכע באשעפעניש, און עס ליגט אויף מיר א חוב דיך אומצוברענגען. אויף דערויף האב איך א שבועה אפגעגעבען.

די ווערטער פון ענגי, האבען אפיאן'ען ביז גאר דערשלאגען. ער האט זיך א ווארף געטאן צו ענגי'ס פיס און מיט טרעהרען איהם געבעטען, ער זאל זיך איבער איהם דערבארעמען.

אויף דער ערנידערונג, האט זיך ענגי ניט געריכט, און אויפ'ן מאמענט האט זיך אין איהם ערוועקט א מיטלייד, אבער באלד איז ער צום פארשטענדניס געקומען, אז די טרעהרען זענען מעהר ניט ווי קראקאדיל טרעהרען, און דאס געבעט איז פון א דורכגעטריבענעם אפעריסט.

— ניין, איך קאן איבער דיר קיין מיטלייד ניט האבען, ווייל איך האב געשווארען.

— איז גאר קיין מיטעל ניטא צו אראפנעהמען די שבועה, כדי דורך דיין מיטלייד זיך בעסערען צו קענען?

ענגי האט א מאמענט געטראכט, און אויסגעשפראכען: — יא, עס איז דא א מיטעל!

— ערקלעהר עס מיר.

— אנערקענונג און פייניגען.

— זאג מיר דייטליכער.

— זאלסט אנערקענען אלע דיינע פארברעכענס, און זיך עפענטליך מתודה זיין לעבעדיגערהייד.

— דאס קען נאר פארלאנגען און פאדערען פון מיר א וואהנזיניגער איסי...

— האט אפיאן געענטפערט.

— אבער אזוי פארלאנגט פון דיר א משוגע'נער איסי... און ער גיט דיר ניט דאס רעכט אויסוואהלען נאך דיין פארלאנג. איך פאדער אז דו זאלסט זיך מודה זיין, דאס דו ביזט געוועזען א פארברעכער, א מערדער, א שווינדלער, אן אפעריסט, דער גרעסטער אויסוואורף, און זאלסט זיך אפזונדערען פון מענשען, און זאלסט דיינע לעצטע יאהרען איינזאם פארברענגען, מיט א תפלה צו גאט, ער זאל דיר מוחל זיין אויף אלע דיינע זינד און פארברעכענס.

— הייסט עס, איך זאל זיך אליין פארניכטען, א זעלבסטמארד באגעהן?

— רוף עס אן ווי אזוי דו פארשטעהסט, מיט וועלכען נאמען דו ווילסט.

— ניין! ניט יעצט, און אויך קיינמאל ניט. איך וועל ניט אפווישען פון מיין לעבענס־בוך, אלעס, וואס איך האב געשאפען, און דערמיט אפהאקען מיין האפנונג אויף א בליהענדער גליקליכער צוקונפט. איך וויל מיר ניט באגראבען לעבעדיגערהייט. דאס קען נאר פארלאנגען און פאדערען פון מיר א וואהנזיניגער איסי...

— אבער אזוי איז מיין באשלוס, און איך גיב דיר ניט דאס רעכט אויסצוועהלען נאך דיין פארלאנג.

אפיאן איז ארומגעלאפען איבער'ן צימער ווי א צורייצטער טיגער, איינינגע מינוטען. די שטערן־זוינקעל אדערען זענען מיט בלוט פארלאפען געווארען, די האר האבען זיך איהם ווי שארפע נאדלען איינגעשטעלט. און די אויגען זענען בלוט־רויט פארגאסען געווארען.

פלוצים האט ער זיך אפגעשטעלט און א זאג געטאן:

— ענגי! טו מיר דאס געפעליגקייט און גיב מיר דריי טעג צייט זיך צו באטראכטען.

— איך קאן דיין פארלאנג ניט נאכקומען, ווייל שפעטער מיט פיער און צוואנציג שטונדען פארלאז איך אלעקסאנדריע, און דו דארפסט דאך אליין פארשטעהן, אז איך מוז ענדיגען מיט דיר בעפאר איך פאהר אפ.

— גיב זשע מיר אמווייניגסטענס פיער און צוואנציג שטונדען צייט, האט זיך אפיאן געבעטען.

ענגי האט א טראכט געטאן, און זיך אפגערופען: גוט, איך גיב נאך דיין פארלאנג, געדענק אבער, אז מארגען אין דער צייט וועל איך זיין ביי דיר און דו זאלסט מיר געבען א צופרידענשטעלענדען ענטפער.

ענגי האט זיך געלאזט ארויסגעהן.

— ערקלעהר מיר נאר, איך בעט דיך, אין זאך אידער דו געהסט אוועק, האט זיך אפיאן אנגערופען.

— וואס פארלאנגסטו?

— דו האסט מיר געזאגט, דאס צוזאמען מיט יאהרען האסטו מיין טאכטער פון לאטאבאלים צוגענומען, וואס איז מיט איהר געשעהן?

— דיין טאכטער לעבט און איז געזונט. זי איז אצינד ווי א שעהנע דופטענדע פריהלינגסבלום. ווי א טראפען וואסער אין איהר מוטער געראטען.

— און וואו געפינט זי זיך אצינד?

— ניט ווייט פון דיר... אבער אלעס וועגען איהר, וועסטו ערפאהרען, ווען דו וועסט זיך צום גוטען בעסערען... און ענדיגענדיג די ווערטער, האט ענגי זיין הויז פארלאזט.

— אפיאן האט נאך זיין אוועקגעהן לייכט אפגעאטעמט. איך בין געראטעוועט! האט ער מיט פרייד אויסגעשריגען און זיך געריבען די הענט פאר שמחה...

— הייסט עס — האט ער צו זיך געזאגט — דאס געשטאלט אין אניאס'עס הויז, וועלכעס האט מיך ביז צום טויט דערשראקען, איז גאר מיין טאכטער'ס, און ניט מיין געשטארבענער פרוי'ס. און אניאס איז ניט קיין צויבערער, ווי איך האב געגלויבט, און איז אויך ניט דער נביא, וועלכער ווייסט פון מיינע געהיימניסע. ווען אזוי, איז פלאקים ווייטער אין מיינע הענט... איך האב גוט באמערקט, ווען אויך איך בין געווען דערשראקען, די בליקען, וועלכע ער האט געווארפען אויף דעם שעהנעם מיידעל. די ליידענשאפט, וועלכע האט זיך אין איהם ערוועקט, ווען ער האט זי דערזעהן, און אט די שעהנע טאכטער מיינע וועט זיין מיין וואפע, דורך וועלכער איך וועל דעם רוימער באזיגען...

זי וועט זיין די קייט מיט וועלכע איך וועל איהם פענטען, און איהם מאכטלאז מאכען...

וואס טו איך אבער מיט ענגי'ן? ער ווייסט דאך אלע מיינע געהיימניסע, ווי אזוי זאל איך זיין מייל פארמאכען? זאל איך איהם ערמארדען? ניין, דאס טאר איך ניט, עס שמעקט מיט געפאהר... אבער... א! עס איז דא אן עצה. איך וועל איהם אין א שווער פארברעכען באשולדיגען, דורך וועלכען ער וועט ארעסטירט ווערען, און קיינמאל שוין ניט באפרייט ווערען... יעצט ענגי קענסטו שוין קומען, איך וועל דיר שוין א גוטען ענטפער געבען...

(ווערט פארגעזעצט)

עסט און ווערט דין

דאס איז בלויז אן אלטע פראזע אנדעריש איסגעטייטשט, אבער די מאדערנע מעטאדען פון רעדוצירען בעטס האבען עס געמאכט מעגליך.

אויב איהר זייט צו פעט און אויך פיזיש אויסגעמאטערט, אויב איהר האט ליעב צו עסען און ווילט דאך רעדוצירען דאס איבעריגע פלייש, דאן טוט אזוי: געהט צו אייער דראגיסט אדער שרייבט צו מארמאלא קאמפאני, 702 גארפייער־ווין בילדינג, דעטראיט, מישיגען, און גיט איהם (אדער שיקט זיי) איין דאלאר. פאר דער קליינער סומע וועט אייך דער דראגיסט צופרידענשטעלען, און אייך העלפען ארומטריכען די פיגור. געבענדיג אייך א באקס מארמאלא פרעסקריפשאן טאבלעטס. איהר נעהמט איינע נאך יעדען מיעל און פאר'ן שלאף, ביז וואנען איהר הייבט אן צו פארלירען. איהר דארפט ניט קיין אפצעהרונג־דיעטעס, אדער אפשוואכענדע עקסערסייזעס. עסט ווי אלע מאל, אבער נעהמט די טעבלעטס און איהר וועט שנעל דערפיהלען די ענדערונג, די נאטירליכקייט.

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז. פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען פאר נאמליר און יאהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן אדעלייד 8087 אווענטען און יום טובים טעלעפאן טריניטי W 0808

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY 10 TERAULEY ST.

דאס איז אייער לעצטע געלעגענהייט

האלסייל און ריטייל

אויב איהר דארפט וואס־ניט־איז אין דריי גודס אדער באלעבאטישקייט גודס — טא פארלירט ניט קיין צייט און קומט צו דעם סייל פון די פרענקלין טריידינג מילס, וואס געפינט זיך איצט אין 181 דאנדאס סטריט, וועסט. מיר געהען ארויס פון ביזנעס און דער גאנצער סטאק מוז פארקויפט ווערען אין די נעקסטע צעהן טעג. די צייט איז קורץ. מיר קאנען אייך פארשפרעכען אז איהר וועט סייווען פיעלע דאלאר.

מיר האבען צו פארקויפען

לייליכער, קאטענע און פובענע קאלדרעס, קינדערשע קאלדרעס געשטאפט מיט „גרים וואהל״, עמברוידערטע טיבעל קלאטס און סקארף קאווערס, ניודיארקער ווינדא פענעלס, פעדערנע קישענס, קאשענס, לידים און קינדערשע זאקען, גינגהאם הויזדרעסעס, „טעמס״, לינענע טיבעל קלאטס, „שיטינגס״, טיקינגס, און אויך פיעלע אנדערע ארטיקלען, וועלכע זענען צופיעל צו אויסרעכענען אויף דיעזען פלאץ. מיר האבען אויך מאסען פעטערנס פאר מענ'ס און באיס קלאטהינג, א גרויסען פלאטפארם־טראק, און אלערליי עלעקטרישע און סטאר פיקסטשורס.

די סטאר איז אפען פון 10 פריה ביז 10 אווענט.

Franklin Trading Mills, 181 Dondas W.

THOMAS
ECLECTRIC
DOSE SMALL - EFFECT SURE
SEE INSIDE CIRCULAR
PRICE 35 CENTS PER BOTTLE
OIL
S. N. Thomas

א זיכערע רפואה׳

צו העלפען שניידטען, ספריינס, וואונדען, הוסטען, קאלדס, און רוקען וועהטאג. פרעגט שטענדיג אויף דעם ביים נאמען.

דר. טאמאס עקלעקטריק אויל

די פארלעסליכע רפואה איבער 60 יאהר.

עגיפטישע פרעסע געגען הוסעין פאר קאליף

קאירא, מערץ, 27.

די היגע פרעסע פאדערט, אז עס זאל פארופען ווערען אן אלגעמיינער מאהמעדאנישער קאנגרעס אויף צו ערוועהלען א קאליף. די פרעסע זאגט, אז קעניג הוסיין איז פראקלאמירט געווארען אלס קאליף מיט דער הילף פון דעם פאלעסטינער האי - קאמישיאנער, סער הערבערט סעמיועל.

פון באגדאד ווערט געמעלדעט, אז קעניג פייזעל פון מעסאפאטאמיע וועט ערעפענען די נייערוועהלטע גרינדונגספארזאמלונג.

LOWEST RATE IN THE CITY
YELLOW CAB
LIMITED
MAIN 7300
"Every Mile a Smile"

M. BROWN,
INSURANCE OF ALL KINDS,
147 SEATON ST.,
PHONE MAIN 2364W

סופמאן קעפ

די סופמאן קעפ, מאכט באקאנט צו טאראנטאר סטארקיפערס אז זי געפינט זיך אין

352 באטורסט סט.

און מיר האבען א גרויסען סטאק פון מענער און באיעס קעפס. דער ביליגסטער פלאץ אין אנטאריא, צו קריגען גוטע און ביליגע קעפס.

טעלעפאן טריניטי F 9608.
(4503-3-31)

באראט זיך מיט אונז

אײדער איהר מאכט אויס אייער אינקאם טעקס ריטורנס זעהט זיך מיט

Westbeare, King & Co.

אקאונטענטס, פינאנשעל אגענטען און טראסטים.
501 קענט בילדינג
טעלעפאן — מיין 1590

מאנטרעאלער משפט השלום און דער אידישער נאציאנאל פאנד

דער משפט השלום, וואס עקזיסטירט ביי'דעם מאנטרעאלער ועד העיר, און פון וועלכען אלדערמאן ליאן דזשייקאבס, ק. ס. איז פארזיצענדער, האט איינשטימיג אנגענומען דעם פארשלאג פון מר. לעווינזאן, דאס אלע ברירה און דאקומענטען וואס קומען אריין און געהען ארויס פון דעם משפט השלום זאלען האבען אויף זיך סטעמפס פון דעם אידישען נאציאנאל פאנד.

דער דאזיגער באשלוס איז זעהר לויבענסווירדיג. און עס וואלט זעהר ריכטיג געוועזען דאס אלע אידישע אינסטיטוציעס ווי שוהלען, סאסייטיס א. ד. ג. זאלען דעם דאזיגען ביישפיעל נאכטון. עס וועט פאר יעדער אינסטיטוציע ניט זיין קיין גרויסער קאסט צו האבען די סטעמפס אויף איהרע דאקומענטען. אבער פאר דעם נאציאנאל פאנד וועט עס זיין א גרויסע הכנסה, און עס וועט בעוויזען ווי צוגעבונדען מיר זענען צו דעם געדאנק פון אויסקויפען די ארץ ישראל ערד פון פרעמדע הענט.

נעגער טויטעט זיין פרוי און שפרינגט צום טויט

ניו יארק. מערץ 29.

אפעלוויט, א נעגער, האט נעכטען אריינגעשאסען ניין קוילען אין זיין שלאפענדיגער פרוי און איז נאכהער ארונטערגעשפרונגען צום טויט.

„אידגעזקאם״ שטיצט פאר'ן רוסלענדישען „ארט״

מאסקווע.

אין משך פון די חדשים דעצעמבער ביז פעברואר 1914, האט דער „אידגעזקאם״ אין רוסלאנד געשטיצט די ארבייט פון רוסלענדישען „ארט״ מיט דער סומע פון 25 טויזענט גאלדרובעל, וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען דעם צ. ק. פון רוסלענדישען „ארט״ אין מאסקווע און די „ארט״־קאמיטעטען אין כארקאוו, קיעוו און אדעס. אויפ'ן חודש מערץ האט דער צ. ק. פון „אידגעזקאם״ אסיגנירט פאר'ן רוסלענדישען „ארט״ די סומע פון 6 טויזענט גאלדרובעל.

ארבייטער פאלט צו טויט

דזשאזעף מולין, א וואטשמאן אין דער פאבריק פון וויליאם דייווים קאמ. אויף פראנט סטריט, איז פרייטאג נאכט דערהרג'עט געווארען, ווען ער איז אהיינגעפאלען אין א „שעפט״.

ביילייפס
ספיין און קאמפ.
201 מענינג טשעמבערס, 72 קווין סטריט וועסט
לענדלארדס ווארענטס, טשאטעל מארטגיידזשעס עקזעקיוטעט

דעם ארבייטערס פריינד
און אינדאמענט פאליסי פון די
קראון לייף

איז דעם ארבייטערס בעסטער פריינד צו די עלטערע יאהרען, און צו דער זעלבער צייט אויך א פראטעקשאן פאר זיין פאמיליע.

חזן קאפלאן און זיין זוהן

מאכען עס אזוי לייכט ווי מעגליך פאר יעדען איינעם און צו האלטען אזא פאליסי. — די פיעלע וועלכע האבען שוין פאליסים פון חזן קאפלאן קענען עס באשטעטיגען.

ווענדעט זיך פאר אלע סארטען אינשורענס צו:

חזן קאפלאן און זוהן
גענעראל איידזשענטס
קראון לייף בילדינג יאנג און קאלבארן סט.
טעלעפאן מיין 2907 אדער הילקרעסט W 5171

באקאנטמאכונג צו טאראנטאר אידען
די פעקטארי פון די
סיטי דיי וואירקס
349-51 קאלעדזש סטריט

איז איבערגעמופט געווארען אין א ספעציעלען ניי ערעפענטען, מאדערנעם, און באקוועמען פלאץ, אין

138-146 קלערמאנט סטריט

מיר זענען איצט אומשטאנד צו אטענדען צו הונדערטער נייע קאסטומער פאר

קלינען, פרעסען, פארבען און ריפיירינג

אונזער נייער פלענט גיט אונז די מעגליכקייט פאר שנעלע און צופרידענע ארבייט. דעליווערט גלייך צו אייער הויז.

אונזער אפיס בלייבט ווי געוועזען אין

349-51 קאלעדזש סטריט

רופט אונז גלייך ווען איהר דארפט קלינען, פארבען אדער ריפיירען אייערע קליידער.

אונזערע אויטאמאבילס שטעהען גרייט צו אייער דיענסט

CITY DYE WORKS, Ltd.
Master French Cleaners & Dyers, 349-351 College St.
טעלעפאנס טריניטי 2628, 2629

תלמוד תורה עץ חיים
קוויטירונגען

פון א תנאים ביי מר. בארינשטיין 163 יורא סטריט איז געזאמעלט געווארען $5.60

פון א תנאים ביי מר. רייגנעווערק 160 באלדווין סטריט 7 דאלאר

פון א חתונה ביי מר. גיימאן 10 נאסא סטריט 6 דאלאר.

פון א חתונה ביי מר. זילבערשטיין 98 דארסי סטריט $12.35

פון א חתונה ביי מר. ראזענצווייג 15 בארדען סטריט $7.94.

פון א חתונה ביי מר. ערליסט 153 דעניסאן עוועניו דורך אן אפיעל פון מר. קאפלאן דער פרעזידענט פון די טשעסטאחאווער סאסייטי איז געזאמעלט געווארען $9.30.

מר. לייביש געקבער האט באצאהלט 4 דאלאר פאר צוטראגען דאס געלד.

די קאמיטע ווינשען מזל טוב צו די בעלי שמחה און צו אלע מנדבים זיי זאלען דערלעבען שמחות מתוך עושר וכבוד.

ש. סאננענבערג סעק.

דר. ס. פערלמאן
דענטיסט
198A קווין סט. וועסט
טעלעפאן עדלייד 7279
הויז טעל. הילקרעסט W 6373
אפען אווענטען.

דער באזאר
פונ'ם
פרץ פרויען פאראיין
וועט זיין
אפריל 1, 2, 3, און 5־טען
אין פרץ שול
צו גונסטען א זומער־קאלאניע פאר קינדער
שבת דעם 5־טען אפריל וועט אויך זיין א טאנץ

די אידישע באפעלקערונג איז געבעטען צו שטיצען דעם באזאר און אויפצונעהמען פריינדליך די קאמיטעס.

רעוו. שאול זאב גרינגארטען
26 סיסזל סטריט
איז דער באוואוסטער ערפאהרענער
מוהל ומסדר קדושין
טעלעפאן טריניטי W 7412
מיין פערזענליכען בעסטען אטענשאן גיב איך סיי אין האספיטאל ווי אויך פריוואט

לייסענס ביילייפס
און אקשענירס
רענט קאלעקטארס, טשאטעל מארגיידזשעס, ליעסעס און ווארענטס אטענדעט.
ל. דייווידסאן און קאמ.
331 בעי סטריט, רום 218
טעלעפאן מיין 1037

עלעקטרישען
הויז וויירינג און ריפעירס, עסטימיטס. קיין דזשאב צו גרויס אדער צו קליין. קיין שאדען צו די דעקאראציעס ביים פיקסען.
דזשיי דזשייקאבסאן
27 באלדווין סטריט
טעלעפאן טריניטי J 3248

טעלעפאן עדלייד 5615
דר. ט. קייטס
דענטיסט
218½ קווין וועסט
(קארנער מיקאל סטריט)
טאראנטא.

Mme Regina's
מילינערי
איך אימפארטיר די רייכסטע און שעהנסטע העטס פון אמעריקא. די לעצטע סטיילס.
קינדערשע העטס מיין ספעציאליטעט. צו ביליגע פרייזען.
252 מעקאל סטריט
לעבען קאלעדזש.
פאן: טריניטי 6242

האט איהר אויגען טראבעל?
האט איהר קאפ שמערצען?
דאן זעהט זיך מיט דעם אידישען
אפטאמעטריסט
און אפטישען
וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערמענט
דר. הענרי העררים
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט
DR. HENRY HARRIS
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. Near Spadina
Open until 9 p. m.

חזן קאפלאנ'ס
נייער אדרעס איז
484 בראנזוויק עוועניו
טעלעפאן הילקרעסט W 5171
אפיס 11 קאלבארן סט.
טעלעפאן מיין 2907.

פאוסט
אין סטענדערד טעאטער
אראטאריא פרעזענטירט פון

מאעסטרא קארבאני
מיט די בעסטע טאלאנטען פון זיין סטודיא.
דעם 10־טען אפריל, 8 אווענט
פאר'ן בענעפיט פון דער
תלמוד תורה
און ציון בית הספר.